**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/4/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 8 מיליאן דאלאר אין גרענטס דורך די ניו יארק סטעיט ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע**

***פינאנצירטע ערפינדונגען שטעלן ניו יארק סטעיט אויפן סאמע פארנט פון אנשטעקיגע קראנקהייט אנטדעקונג און אנטוויקלונג בשעת'ן פארשטערקערן סטעיט'ס ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די צווייטע רונדע פון די וועלכע וועלן באקומען געלטער פון די 40 מיליאן דאלארדיגע ניו יארק סטעיט ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע ( New York State Biodefense Commercialization Fund). דער פראגראם איז געעפנט געווארן צו פארשנעלערן די אנטוויקלונג און קאמערציאליזאציע – דאס הייסט אריינברענגען צו די מארקעט – פון ערפינדונגען אין לעבן'ס וויסנשאפטן וועלכע אדרעסירן ערנסטע אנשטעקיגע קראנקייט דראאונגען, אריינרעכענענדיג קאוויד-19 און אירע וואריאנטן, בשעת'ן אויך שאפן דזשאבס און ערמוטיגן אנגייענדע וואוקס איבער ניו יארק'ס פארברייטערנדע לעבן'ס וויסנשאפטן אינדוסטריע. נאכפאלגנדיג באשטעטיגונג פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) באורד אָוו דירעקטארס וועלן זיבן גרענטס פארטיילט ווערן פאר א סך הכל פארשפראכענע סומע פון $8,899,998.

"ניו יארק'ס פארפליכטונג צו באקעמפן סכנות פון אנשטעקיגע קראנקהייטן איז שטערקער פון סיי ווען בעפאר," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פראגראמען ווי די ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע און די לעצטנס אנאנסירטע 'לאבארעטאריע פון די צוקונפט' ( Lab of the Future) וועלן טרייבן פאר נייע ערפינדונגען פאר לייזונגען פון ערנסטע אנשטעקיגע קראנקהייטן בשעת'ן אויפבויען די שטערקסטע ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע אינעם לאנד."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "די ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע האט שוין א השפעה —אויספלאסטערנדיג די וועג פאר ערפינדונגען פארשונג צו ארויפגעברענגט ווערן אויפן מארקעט, צו צולייגן דזשאבס און אינוועסטירונג געלטער און צו צוציהען פירמעס צו די סטעיט. אין צוגאב, ווייזן שוין די סטאַרט-אַפּ פירמעס וועלכע זענען געשאנקען געווארן ביאלאגישע פארטיידיגונג גרענטס אין די ערשטע אפליקאציע רונדע פארשריט, האבנדיג אויפגעטריבן נאך 5.5 מיליאן דאלאר און אריינגעגעבן דריי פאטענטן אין די ערשטע זעקס חודשים נאך די גרענטס."

די רעקאמנדירטע פירמעס צו באקומען גרענטס אין די צווייטע רונדע רעכענען אריין:

**סטאַרט-אַפּ פירמעס (פינאנצירונג פון $6,900,000)**

**AACT Inc. - $1,900,000: (פרימקומאַר רעדי, PhD)** ***אנטוויקלונג פון קליינע מאלעקיולן פון 'קינעיס אינהיביטארס' אלץ אנטי-ווירוס מעדיצין:*** די .AACT Inc איז קאנצענטרירט צו אנטוויקלען נייע

סארטן קליינע מאלעקיולן וואס בלאקירן קינעיס און האלטן צוריק ווירוסן פון זיך פארמערן, שטערן די ווירוס ביים פארשפרייטן די קראנקהייט אין די קערפער און ארבעטן אויף די מענטשן'ס אימיון סיסטעם. פינאנצירונג פון די ESD וועט ערלויבן פארשריט מיטן אויספרובירן קלינישע מעדיצינען וועלכע ציהלן אויף אזעלכע קינעיס מאלעקיולן וואס עס איז דא א שטארקע חשד אז זיי האבן א ראלע אין די אינפעקציע, אין די לעבנ'ס מחזור פון די ווירוס און אין די פארשפרייטונג פון אנשטעקיגע ווירוסן, אריינרעכענענדיג קאראנא ווירוסן וואס פאראורזאכן אטעמען סינדראמען ווי SARS-CoV-2.

**CastleVax, Inc. - $4,000,000: (מייקעל איגען, PhD)** ***וואקסינען וועלכע נוצן 'ניוקעסל דיזיז ווירוס' אלץ א 'שליח' אדער וועקטאר פאסיג צו אדרעסירן ווירוס סכנות:*** CastleVax, Inc. איז א פירמע וואס קאנצענטרירט זיך אויף די קלינישע שטאפלען פון וואקסין אנטוויקלונג קעגן עקזיסטירנדע און נייע ווירוסן, נוצנדיג איר 'ניוקעסל דיזיז ווירוס' (Newcastle Disease Virus) וואקסין שיטה. זיי רוקן זיך פאראויס צו די 2'טע פאזע פון קלינישע פראבעס פאר א פארגעשריטענע קאוויד-19 בוסטער וואקסין וואס ווערט געגעבן דורך די 'מיוקעס מעמברעינס' מיט די פאטענציאל צו בלאקירן אינפעקציע און פארשפרייטונג נאכן וואקסינירט ווערן.

**TETmedical Inc. - $1,000,000: (ראָי קאָוהען, PhD צוזאמען מיט דעיוויד פישעל, PhD און אלעקסאנדער טרעוויס PhD)** ***גאר שנעלע מאלעקולארישע דיאגנאסטישע מיטל אינדרויסן פון לאבארעטאריע צו אויפכאפן ווירוסן און זייערע וואריאנטן נוצנדיג 'טעטערד ענזיים טעכנאלאגיע':*** TETmedical Inc. נוצט זייער נייע 'טעטערד ענזיים טעכנאלאגיע' ( Tethered Enzyme Technology, TET) צו אנטוויקלען איין 'מאָלטיפּלעקס עסעי' טעסט וואס קען דיאגנאזירן SARS-CoV-2, אינפלוּענזא, RSV און עדענאָווירוס. די נייע סארט 'ביאלאגישע סענסאר' שיטה באנוצט זיך מיט גאר ווירקזאמע ענזיימס וועלכע זענען 'צוגעקלעבט' צו גאר קליינע 'נענאָו-פּארטיקלס' און ערמעגליכן גאר עמפינדליכע און גאר שנעלע (ווייניגער פון 5 מינוט), ביליגע דיאגנאסטישע מיטלען וואס קענען ארומגעטראגן ווערן און דורכגעפירט ווערן אינדרויסן פון א לאבארעטאריע.

**אקאדעמישע מוסדות (פינאנצירונג פון $1,999,998)**

**די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אפסטעיט מעדיקעל אוניווערסיטעט - $500,000: (עדעם וואַיקמאן, PhD)** ***ספעציעל דעזיינטע IgA מאנאָקלאָנעל אנטיבאדיס צו באהאנדלען פלעיוויווירוס אינפעקציעס:*** דר. וואַיקמאן און זיין גרופע ארבעטן אויף א נייע סארט מאנאָקלאָנעל אנטיבאדיס צו באהאנדלען פלעיוויווירוסן (flaviviruses), די משפחה פון ווירוסן וואס רעכנט אריין די 'דענגעי ווירוס', 'זיקא ווירוס' און די 'פּאָוואַסאן ווירוס'. די גרופע פארשער באנוצן זיך מיט א נייע מאנאָקלאָנעל אנטיבאדי צו באהאנדלען די אנשטעקיגע קראנקהייטן, ארויסווייזנדיג די מעגליכקייט צו אפשטעלן די ווירוסן אן קיין שום זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) וועלכע קענען פארשטערקערן די אינפעקציע — אן אפטע פראבלעם מיט IgG-באזירטע אנטיבאדיס וואס הרגנ'ען די באצילן.

**ניו יארק אוניווערסיטעט'ס גראסמאן מעדיקעל סקול - $499,998: (דזשעף באָוק, PhD)** ***א שיטה פאר נייע אנטיביאטיק אנטדעקונג:*** דר. באָוק באנוצט זיך מיט *Saccharomyces cerevisiae* הייוון צו פראדוצירן און בעסער מאכן און ארויסנעמען מער סארטן מאלעקיולן וואס קוקט אויס אז זיי קענען מעגליך זיין נוצליך, מיט א באזונדערע קאנצענטראציע אויף פראדוקציע פון טעטראסייקלין-באזירטע אנטיביאטיקס. די לאבארעטאריע'ס נייע סיסטעם פאר סינטעטישע וועגן צו טוישן ביאלאגישע מאלעקיולן און צו אויפכאפן מאלעקיולן וואס קענען זיך שטארקן איבער באקטעריע וואס לעבן איבער אנדערע אנטיביאטיקס, און דאס וועט ערמעגליכן צו אנטוויקלען מעדיצין וואס קען שנעלערהייט פראדוצירט ווערן אויף א גרויסע פארנעם.

**ניו יארק אוניווערסיטעט - $500,000: (קענט קירשענבוים, PhD).** ***א סטראטעגיע צו נאכמאכן***

***נאטורליכע ביאלאגישע שיטות נוצנדיג אנטי-ווירוס כעמיקאלן וואס מיידן אויס ווירוס'ס שוץ מיטלען:*** דר. קירשענבוים און זיין גרופע ארבעטן אויף קליינע מאלעקיולן פאר אנטי-ווירוס מעדיצינען, די ערשטע פון די סארט צו האבן די מעגליכקייט צו נאכמאכן די נאטורליכע פונקציעס פון די מענטשליכע געבוירענע אימיון סיסטעם צו דירעקטערהייט צושטערן ווירוסן און זיי מאכן אומשעדליך. די לאבארעטאריע ארבעט צו פארשטיין פונקטליך וואס ליגט אונטער די פראצעדור און זיי פירן דורך IND-ערמעגליכנדע שטודיעס.

**קאלאמביע אוניווערסיטעט'ס אירווינג מעדיקעל צענטער און אינדזשענירונג סקול - $500,000:** (**זשינגיו זשו, PhD**) ***אייצלנע מאלעקיולן עלעקטראנישע 'נענאָ-פאור' אויפכאפונג פון SARS-CoV-2 און אנדערע ווירוסן מיט פאטענציאל צו פאראורזאכן א פאנדעמיע:*** דר. זשו און זיין גרופע ארבעטן אויף א נייע דיאגנאסטישע מיטל וואס באנוצט זיך מיט אן עלעקטראנישע איינצלנע מאלעקיול צוגאנג וואס ערלויבט צו שנעלערהייט און דירעקטערהייט אויפכאפן ווירוסן אין קליינע מאסן אין סעמפּלס פון מענטשן אדער פון וואסער א.ד.ג. די ערפינדונג וועט האבן ברייטערע באנוצן אין קלינישע פלעצער און אין היים-קעיר פלעצער.

די ערשטע צו באקומען גרענטס פון די ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע זענען [געשאנקען געווארן](#) אומגעפער 15 מיליאן דאלאר אין אפריל פון 2022. די צווייטע רונדע פון פירמעס וועלכע זענען רעקאמענדירט געווארן צו באקומען גרענטס ברענגען די סך הכל פון די צוגעזאגטע געלטער צו $23,823,684. אין די רונדע זענען די גרענטס געשאנקען געווארן פאר דריי סטאַרט-אָפּ פירמעס און פיר אקאדעמישע מוסדות, העכערנדיג די סך הכל צאל פון קערפערשאפטן צו באקומען גרענטס צו 10 סטאַרט-אָפּס און 13 אקאדעמישע מוסדות.

פינאנציעלע שטיצע איז נישט די איינציגסטע וועג אין וועלכע די קאסע העלפט פארשנעלערן קאמערציאליזאציע באמיאונגען. מער פון 40 מענטארס מיט גרונטליכע מומחיות אין ביזנעס און אין ביאלאגישע-פארמאסוּטיקעל אנטוויקלונג און קאמערציאליזאציע זענען רעקרוטירט געווארן דורך די קאסע צו העלפן די וועלכע געווינען די גרענטס מיטן פאראויס שטופן זייערע טעכנאלאגיעס אויפן וועג צו די מארקעט. די צוגעפאסטע הדרכה איז אומשאצבאר מיטן ערמעגליכן אן ערפאלגרייכע וועג פאראויס סיי פאר אנטוויקלונג פון אנטוויקלונגען און סיי פאר וואוקס פון די פירמע.

איינמאל זיי וועלן באשטעטיגט ווערן וועלן די ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע גרענטס וועלן העלפן אריינברענגען אין די מארקעט אנשטעקיגע קראנקייט לייזונגען, אריינרעכענענדיג דיאגנאסטישע מיטלען, באהאנדלונגען און אנדערע ערפינדונגען וועלכע אדרעסירן אדער פארגרינגערן די פארשפרייטונג פון ערנסטע אנשטעקיגע קראנקייטן. א סך הכל פון 106 אפליקאציעס זענען ערהאלטן געווארן: 66 פון סטאַרט-אָפּ פירמעס און 40 פון אקאדעמישע מוסדות.

די פראיעקטן וועלכע האבן באקומען גרענטס זענען פארשידנארטיג סיי אין די געאגראפישע לאקאציע וואו זיי געפונען זיך און סיי אין די פעלדער וואו זיי זענען קאנצענטרירט, און זיי שטיצן ווייטער די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען צו איינשפאנען די כוח פון אירע פראגראמען פאר פירמע און דזשאב שאפונג/אנהאלטונג און צו עפענען נאך אינוועסטירונג געלטער געלעגנהייטן; די גרענטס פאר די סטאַרט-אָפּ פירמעס אין די רונדע שפאנען איין עקזיסטירנדע גרענט און אינוועסטירונג געלטער פאר א סך הכל פון 4 מיליאן דאלאר. אין צוגאב מוזן פירמעס וועלכע געווינען א ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע גרענט זיך פארפליכטן צו בלייבן אין ניו יארק סטעיט און פירן ביזנעס אויף אן אנגייענדן אופן פאר א מינימום פון דריי יאר נאכפאלגנדיג די פארענדיגונג פון די גרענט.

**בארעכטיגונג און פינאנצירונג**

סטאַרט-אָפּ פירמעס וועלכע אנטוויקלען דיאגנאסטישע מיטלען, וואקסינען, באהאנדלונגען און אנדערע ערפינדונגען מיט א הויכע פאטענציאל צו זיין ערפאלגרייך מיטן פארמיידן, באהאנדלען אדער פארגרינגערן ערנסטע אנשטעקיגע קראנקייט דראאונגען זענען געלאדנט געווארן צו אפּלייען פאר גרענטס פאר ביז אזויפיל ווי 4 מיליאן דאלאר. ניו יארק'ס אקאדעמישע פארשונג אינסטיטוציעס האבן אויך געקענט אפּלייען פאר גרענטס פון ביז אזויפיל ווי $500,000 צו העלפן פארשנעלערן פארגרעשריטענע אינטעלעקטואלע עררייכונגען אין די לעבן'ס וויסנשאפטן. דרוקט [דא](#) פאר מער אינפארמאציע איבער די ביאלאגישע פארטיידיגונג קאמערציאליזאציע קאסע.

**ניו יארק סטעיט'ס 620 מיליאן דאלערדיגע ביאלאגישע וויסנשאפט אינציאטיוו**
ניו יארק סטעיט האט איינגעפירט א 620 מיליאן דאלערדיגע איניציאטיוו צו טרייבן די וואוקס פון אן ערשטקלאסיגע לעבן'ס וויסנשאפטן פארשונג קלוסטער אין ניו יארק, ווי אויך פארברייטערן די סטעיט'ס מעגליכקייט צו ארייננברענגען די פארשונג צו די מארקעט און מאכן וואקסן די עקאנאמיע. די פילפאכיגע אינציאטיוו רעכנט אריין 320 מיליאן דאלאר פאר סטראטעגישע פראגראמען וועלכע ציהען צו נייע ביאלאגישע וויסנשאפט טעכנאלאגיעס צו די סטעיט, הייבן אונטער קריטיש-וויכטיגע פובליק און פריוואטע סעקטאר אינוועסטירונג אין אויפקומענדע ביאלאגישע וויסנשאפט פעלדער און שאפן און פארברייטערן ביאלאגישע וויסנשאפט-פארבינדענע ביזנעסער און באשעפטיגונג אריבער גאנץ ניו יארק.

די ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע נעמט אריין די פעלדער פון ביאלאגישע טעכנאלאגיע, פארמא, ביאלאגישע-מעדיצינישע טעכנאלאגיעס און לייף סיסטעמס טעכנאלאגיעס, און עס רעכנט אריין ארגאניזאציעס און מוסדות וואס גיבן אוועק די מערהייט פון זייערע באמיאונגען פאר די פארשידענע שטאפלען פון פארשונג, אנטוויקלונג, טעכנאלאגיע טראנספער און קאמערציאליזאציע. יעדן טאג אנטוויקלען פירמעס אין דעם סעקטאר נייע מעדיקעל און פארמאסוטיקל דורכבראכן וועלכע האבן די פאטענציעל צו ראטעווען לעבנס, צי זאל עס זיין דורך נייע טעראפיעס אדער דאס פריצייטיג דערשפורן מחלות ווי קענסער און ניוראלאגישע מחלות. די פירמעס מאכן אויך באדייטנדע פארשריטן אין די געביטן פון אגריקולטור און ענווייראנמענטאלע ביאלאגישע טעכנאלאגיעס, העלפן שאפן א ריינערע און מער-אויסהאלטעוודיגע צוקונפט.

דורך פארשטערקערן מיטלען צו צוציהען, אינוועסטירן אין איינריכטונגען, און פארבעסערן צוטריט צו טאלאנט און מבינות, וועט ניו יארק באדייטנד העכערן איר טייל פון אינדוסטריע-פינאנצירטע פארשונג און אנטוויקלונג, שטיצן די קאמערציעליזאציע פון עקזיסטירנדע פארשונג, און ברענגען אריין אין דעם נעקסטן דור פון פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס. אויסער די פארשריטן אין וויסנשאפט, וועט דער איניציאטיוו פלאצירן ניו יארק אלס א מאגנעט פאר אויפקומענדע פאבריצירונג באזירטע ביזנעסער, אונטערהייבן ראאנישע עקאנאמיעס און שאפן טויזנטער דזשאבס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418